






# ספר חֵלֶב יִצְהָ"ר

חלק ז




## אור הזוהר 451 ★ כסליו תשע"ד

מפעל הזוהר העולמי

בנשיאות כ"ק אדמו"ר מהאלמין שליט"א מחבר למעלה מאלף ספרים טל: 0527651911


גדולי הצדיקים אומרים ללמוד זוהר הקדוש



האדמו"ר מהאלמין



**ער** האָט א קשיא, ווי אַזוי קען זיין אַזוינס אז קצבים שומרי תורה ומצוות האָבען מכשיל הרבים געווען...[כז] און די רבנים ווילען נישט מתקן זיין, נאר די תירץ איז אַזוי אז די מצב פון יודישקייט היינט איז אַזוי, אז די דעת פון די בעלי בתים דרוקען די רבנים צו געוועלטיגען אויף זיי...[כח] די רבנים ליגען אונטער די בעלי בתים און זיי האָבען נישט קיין דעה און זיי קענען נישט זאָגען וואָס זיי ווילען זאָגען...[כט] בקיצור ער מאַכט דאָ אַזאַ מין... פאר כל קהל ועדה...[ל] פאַרוואָס בין איך אַזוי אונטערגעדרוקט...[לא] די פאָפּע רב ליגט אונטער עפּעס אַדרוק ווער דרוקט דעם פאָפּע רב אַז ער קען נישט זאָגען, וואָס פאַר אַ שקר איז דאָס, און וואָס פאַר אַ מין רכילות ארונטער צו לייגען די גאַנצע כבוד פון די רבנים...[לב] איך ווייס נישט צו די רבנים זענען אמאהל געווען אַזוי פריי, אין דער היים האָט דער רב געלעבט פון דעם געהאלט וואָס די ראש הקהל האָט געגעבען, איך דארף אייך נישט זאָגען, איר ווייסט ווי אַזוי עס איז געווען...[לג] איך לעב עפּעס פון וואָס מ'געט מיר געהאלט פרעג ר' סענדער צו איך לעב פון זיין געהאלט פון וואָס איך קריג דאָ[לד] וואָס בין איך אונטערדריקט, איך קען נישט זאָגען וואָס איך

---

**כז)** פאַרגעסט נישט וועגן די סאטמאר מצה בעקעריי מיט די ווייצלאך און די בעקארי אין וויליאמסבורג וואָס האָט גענוצט טרייפענע אייער ממש וכו' וכו' און ווי אַזוי פארקויפען אַלע קליידער גישעפטען נישט צניעות'דיגע מלבושים דארכזיכטיגע פרויען זאקען וואָס לכל הדיעות טאָר מען נישט טראגען, סיי די זאקען און סיי די פריצות'דיגע מלבושים.

**כח)** דאָ מוזען מיר מודה זיין אז דער קאַשויער רב האָט אטעות, נישט פשט אז די דעת בעלי בתים דרוקען זיך ארויף אויף די רבנים - נאר עס זענען פארהאנדען רבנים וואָס האָבען אַליין דעת בעלי בתים. זיי דארפן נישט אנצוקומען צו זייערע בעלי בתים. וואָס האָט די גאַנצע סאטמאר'ער עולם (בלי יוצא מן הכלל) גערעדט אויף סיגעטער רב אַפּאָר יאָר צוריק? מ'האָט צוזאַמען גערעדט די ערגסטע לשון הרע'ס און מוצאי שם רע, נאר ווייל ער איז געוואָרען דער ממלא מקום איז ער שוין אַ רשכבה"ג? זיין ווארט איז קדשי קדשים? ער האָט אַלע זיינע יאָרען געפירט ביזנעס, ווי אַזוי קען ער פארשטיין א קאַשויער רב וואָס האָט זיין גאַנצע לעבן זיך געווייגט אין יודישקייט.

**כט)** עס איז נישט קיין חילוק צו זיי קענען נישט אָדער זיי ווילען נישט.

**ל)** קאַשויער רב האָט געבעטען האלטען די בריעף בסוד, נאר סיגיטער רב האָט מפרסם געווען די בריעף פאר כל קהל ועדה.

**לא)** אַ גוטע קשיא.

**לב)** דאָ ליגט די הינט באַגראָבען, ער איז נאָר חס אויף די כבוד הרבנים כבוד עצמו.

**לג)** עס איז אמת אז די רבנים זענען היינט אַסאַך פרייער ווי אמאהל - נאר היינט זענען דאָ אנדערע צרות, די רבנים מאכען פארשידינע חשבונות (שלא עפ"י תורה) און זיי ווילען מאכען פשרות (כידוע) זיי ווילען צופרידען שטעלען די בעלי בתים און די המון עם אויך, זיי זענען דאך אויך מענשען, מ'דארף זיך צו רעכענען מיט זיי. דער גייסט און דער לופט פון די היינטיגע וועלט איז אַזוי אז מ'וויל יעדער איינעם צופרידען שטעלען און קיינעם נישט טשעפענען (נאר עהרליכע יודען), אמאהל איז נישט געווען אַזוי א רב האָט געזאָגט זיין דעת תורה מיט מסירת נפש, ער האָט אויף גאָרנישט געקוקט, עס איז טאַקע געווען אראש הקהל אָבער דער רב האָט געזאָגט זיינס, דער חילוק צווישען יודישקייט היינט און אמאהל איז. אז אמאהל איז געווען שווער נאר מ'האָט געוואָלט ס'איז געווען מסירת נפש, היינט איז גרינג, מ-קען באמת צוקומען צו אַסאַך זאכען וואָס מ'האָט נישט געקענט אמאהל, נאר...

**לד)** זייער קלוג גערעדט.





זאל טרעפען צו זאָגען...[לה] די אַלע קהלות האלטן די רבנים אויף...[לו] איך זאג נישט אז איך האָב אזאנע ברייטע פלייצעס, פארשטייט זיך אז לאָמיך ווען אַוועק פארען, וועט איר זעהן...[לז] וויפיל איך טוה פאר קהל און וויפיל קהל טוהט פאר מיר...[לח] דאָ לעבט נישט א רב אפילו אקלענערע רב פון א בעל הבית אפילו די וואָס לעבט פון א מלוה מלכה איינער געט א צענעראל א צוואנציגער...[לט] עס איז קיין מאָל נישט געווען די רבנים אַזוי פריי....[מ] זאל די אייבעשטער אפהיטען וואָס ער שרייבט דאָ, ער שרייבט אז די בוטשערס האָבען געזאָגט אז די ראשי הקהלה האָבען אַרויס געגעבען א באפעל, דאָס איז רשעות גמור צו זאָגען, האָבען געהייסען צו שניידען די שטיקעלאך מ'זאל נישט פארקויפען אגרויסער שטיקעל פלייש פאר קיינעם[מא] ווייל טאמער עס וועט זיין אגרויסער שטיק וועט מען דערקענען די חֵלב...[מב] די ראשי הקהלה פון היינט זענען די ראשי הקהלה וואָס די פעטער האָט מיט זיי מיט געארבעט, ר' לייבעש מיט ר' סענדער מיט די אַלע יודען...[מג] איך האָב נישט צוגעשטעלט איך האָב נישט מוסף געווען איך האָב נישט גורע געווען, די פעטער ז"ל האָט געהאט סייעתא דשמיא, מיט די מענטשען האָט ער געארבעט...[מד] ב"ה עס איז דאָ א תלמוד תורה וואָס קאסט דריי מיליאן דאלאר, גוי גוים קומען קוקען, קרית יואל וואָס מ'האָט אויף געטוהן...[מה]

**דאָס** איז לויטער שקר און לויטער רשעות און זיי ווילען אונז עוקר מן השורש זיין ...[מו] איך זעה אז ער איז געכאַפּט.[מז] אַזוי פיל רשעות דאָ...[מח] די פעטער האָט איבער געלאָזט און ער האָט געוואוסט בחייו אז די אַלע מחריבי הדת זענען געווען אונזער שונאים...[מט] און איך זעה אז מיר גייען אויף ריכטיגען וועג אויב די אַלע שונאים פארן פעטער האָבען אונז פיינט דעמאלטס איז אונז וואויל און לעכטיג, צרות וועט זיין אז זיי וועלען אונז ליב האָבען...[נ] איך בין זיכער אז דעם פעטער ז"ל ווען ער באקומט אַזאַ בריעף וואָלט ער נישט געשוויגען בשום אופן...[נא] איך האָב מיט אַסאַך יודען מייעץ געווען...[נב] אייביג איז גוט אז מ'גייט מיט דעם אמת...[נג] אז מ'שטייט אין א מלחמה דארף מען וויסען ווער איז דער שונא, איך זעה ווער די שונא איז, און דארף יעדער איינער וויסען ווער די שונא איז, דאָס איז די תכלית אז מ'זאל חלילה נישט אַריין פאלען[נד] און מ'זאל קענען אן גיין מיט די אַרבעט וואָס די

---

**לה)** עס איז דאָ אַ באַקאַנטע מעשה. ר' צבי פסח פראַנק איז אַריין צו ר' יוסף חיים זאָנענפעלד זי"ע, צו ער זאָל אָננעמען אַ פּאָסטן ביי די ציונים [די אָרימקייט איז געווען געפערליך, קינדער זענען אין יענער צייט געשטאָרבען ממש פון הונגער] און ער נעמט זיך אונטער אַז וואָס ער וועט זעהן ביי די ציונים וועט ער מוחה זיין, האָט ר' יוסף חיים געענטפערט, יאָ יאָ וואָס דו וועסט זעהן וועסטו מוחה זיין, נאָר דו וועסט גאָרנישט זעהן.

**לו)** און מיר ווייסען וואָס פאר אַ פנים די אַלע ראשי הקהלות האָבען, זיי זענען טאַקע פיינע מענטשען בעלי טובות, זיי העלפען יודען וכו' וכו', אָבער זיי האָבען נישט קיין דעת תורה זיי זענען פשוטע בעלי בתים און נישט מעהר, זיי זענען נישט באַרעכטיגט צו פירען קהלות, דאָס דאַרף אַ רב מיט אַ אמת'ע דעת תורה.

**לז)** וואָס מיינט ער???

**לח)** יד אחת מיט די ראשי הקהלה.

**לט)** עס איז דאָ בעלי בתים וואָס געבען אין די טויזינטער'ס און עס זענען דאָ וואָס געבען מעהר פון געלט.

**מ)** און טאַקע וועגן דעם ווייל זיי זענען פריי איז די טענה צו זיי מעהר, אַז זיי קענען טוהן, און טוהן נישט, זענען זיי מזידים.

**מא)** מ'מיינט אַ גרויסער שטיק פלייש פון 50 פונט.

**מב)** קודם כל עס איז דאָ עדות אויף די מעשה און צווייטענס וואָס איז אַזאַ גרויסער פליאה עס איז דען די ערשמע מאָל וואָס סאַטמאַר איז נכשל געווארען בשוגג מכשיל את הרבים צו זיין ר"ל.

**מג)** כידוע די ראשי הקהלה האָבען געשטערט אַסאַך זאכען וואָס רבינו הק' זי"ע האָט געוואָלט טוהן. און ווער איז געווען אונטערגעשריבען אויף די איינלאדונג פאר קאַטש ימ"ש אין דער צייטאנג? נאָך דעם וואָס די רבנים האָבען דאָס גע' אסר'ט?

**מד)** קודם כל, ער וואָלט אַסאַך מער אויפגעטאָן ווען ער וואָלט געהאַט ערליכע ראשי הקהלה, נאָר רבינו הק' איז געווען זייער אַ שטאַרקער מענטש, האָט ער אַסאַך זאַכען אעפ"כ דורך געפירט, און סיגעטער רב פירט די קהלה ווי אַזוי ער פארשטייט.

**מה)** פאַרוואָס דערמאַנט ער נישט די חילול השם וואָס ווערט אויך געטוהן דורך די ראשי הקהלה, פון וועמען האָבען זיי געבאָרגט געלט אויף צובויען קרית יואל, די חילול השם וואָס איז געווען ווייל זיי האָבען מכבד געווען קאַטש ימש"ו, עס איז געווען מורא'דיג.

**מו)** זיי ווילען נאר די פירצות עוקר מן השורש זיין. פאַרוואָס ווילט איר נישט???

**מז)** דאָס איז פשוט אַ גרויסע חוצפה צו רעדען אַזוי אויף אַזאַ רב ווי קאַשויער רב.

**מח)** עס זעהט אויס אז ער איז באקאנט וואָס הייסט רשעות.

**מט)** ער זאָגט אַז דער קאַשויער רב איז פון די מחריבי הדת - שומו שמים - אַ יוד וואָס האָרעוועט אויף תורה ויראת שמים. עס איז געווען מענטשען וואָס האָבען דאָס געזאָגט אויף דעם הייליגן חת"ס אויך.

**נ)** ער איז גערעכט ליכטיג וועט זיין פאר די רעכטער וואָס וועלען זיך אפטיען פון די סיגעטער רב און אויב פארקערט וועט זיין צרות. און בכלל דער סיגיטער קען די מלאכה, ער מאַכט זיך פאר דעם נרדף און דעם קאַשויער רב פאר די רודף.

**נא)** זיכער - ווייל ער וואָלט נאָך געפאָרשט די זאַך, ער וואָלט אויך געשיקט שלוחים צו קויפען די פלייש אַזוי ווי קאַשויער רב האָט געטוהן און ער וואָלט דאָס מברר געווען און נישט געקומען מיט אזעלכע סברות ווי דער סיגעטער רב מיט רשעות און שקר וכו' וכו'.

**נב)** ער מיינט מיט אַנדערע דעת בעלי בתים.

**נג)** אַ מענטש קען זיך אַזוי איינרעדן ר"ל.

**נד)** דער גרעסטער וואונדער איז אַז סיגעטער רב'ס חסידים קענען הערען אַזעלכע דיבורים און דאָס אַראָפּשלינגען, אַלע יודען וואָלטען געדאַרפט אַרויס גיין ווען מ'הערט אַזעלכע ווערטער.





פעטער ז"ל האָט מייסד געווען...[נה] עס איז דאָ איינער... גד... גד טארעץ...[נו] עס איז דאָ איינער מלאכי... דאָס ווייב גייט פרועה ראש אַזוי ווי אַלע גוי'עטעס און דאָס איז דער מלאכי...[נז] דער ווער ס'זאָגט אז מיר עסען מיר חמץ בפסח...[נח] איך וואָלט אייך זייער געבעטען, כאָטש איך האָב דאָ געזאָגט די גאַנצע זאַך, אָבער די תמצית, וואָס איך האָב דאָ געוואָלט אַרויס ברענגען, די קאַשויער רב קען איך שוין אַסאַך יאָרען ער איז איין עהרליכע יוד אָבער די קינדער האָבען אונז פיינד...[נט] ער'ס האָט געזאָגט אז ער האָט אַליין געזעהן[ס] איר האָט אַליין געזעהן? איר קענט דאָס זאָגען? האָט ער תיכף געזאָגט איך האָב נאמנות מענשען וואָס איך האָב נאמנות, זיי האָבען ביי מיר נאמנות.[סא] שלו' יודא ימש"ו...[סב] און עס איז ברור, איך האָב מענטשען, אז זיי זענען געגאַנגען מיט עם, געפארען מיט עם אין איינעם, די קינדער גייען מיט עם אין איינים...[סג] רבותי דאָס אַלעס וואָס איך האָב גערעדט, נישט חלילה מ'זאל גיין רעדען אויף די קאַשויער רב, איך בעט אייך נישט דאָס איז די תכלית...[סד] מיין מיינונג איז די מענשען פון די הרבנית הראשית, אַזאַ מלאכי איז פסול...[סה] אויב די פאפע רב שלאפט רואיג און די ווינער רב קען איך אויך שלאָפען...[סו]

**דער** מסקנה פון דער דרשה איז אז דער רב שליט"א האָט זיך זייער באנארישט ביים עולם, ער רעדט ממש ווי איין אויפגערעגטער קינד וואָס קען זיך נישט קאנטראלירען און צוריק צו האלטען יענעם אויס צו שייגעצען. - און ער רעדט נישט צו דער זאַך, ער ברענגט נישט קיין ראי"ס אז עס איז נישט דאָ קיין חֵלב, ער רעדט נאר פון זייטיגע ענינים, זיי זענען שוין לאנג אונזער שונאים, און ממילא איז נישט דאָ קיין חֵלב, ער ברענגט נישט קיין שום ראי' נישט. - אויך ברענגט ער נאר צוויי סעיפים פון בריעף, מ'וועט אי"ה מפרסם זיין דער גאַנצע בריעף וועט איר קענען זעהן דעם גאנצען אמת.

## דברי הרבנים שליט"א מה שדרשו אצל האסיפה הידועה בהתאחדות הרבנים

**מיר** ברענגען דאָ שטיקלעך פון די דרשות פון די רבנים שליט"א וואָס זענען געהאלטען געווארען ביי דער אסיפה פון דער התאחדות הרבנים בענין הניקור כ"ה תשרי תשמ"ג. און עס איז דאָ צו קריגען טעיפּס פון דער דרשה. און אַזוי ווי מ'קען קלאָר זעהן פון דער ווערטער פון די אַלע רבנים שליט"א אז אַלע רבנים זענען מודה (למחצה לשליש ולרביע) אַז עס ווערט פאַרקויפט יידער חֵלב אין די געשעפטן און דער מודעה וואָס איז געשטאנען אין יוד פרייטאג פ' בראשית אז וז"ל לא נתברר לנו שום יסוד לערעורים הללו וכו' איז איין אפענע שקר און די בעלי בתים פון יוד טוהן וואָס זיי ווילען אן פרעגען ביי די רבנים. על כן בעטען מיר די רבנים אז זיי זאלען אַרויס קומען מיט א מחאה אז עס איז נישט אמת און אז דער עולם זאל נישט עסען דער פלייש ביז מ'וועט דאָס מתקן זיין בשלימות. און בכלל מתקן צו זיין א פרצה שטילערהייט איז היפך דעת תורה און עס קען ברענגען אגרויסער חרבן אַזאַ וועג איז קיין מאָל נישט געווען ביי דער יודעשע פאלק

---

**נה)** מיט דעם חשבון קען סיגעטער רב אַלעס טוהן אויף'ן חשבון פון דעם פעטער ז"ל.

**נו)** ווער עס קען דער ר' גד טארעץ ווייסט אז ער איז ממש א צדיק. און איר מאַכט אים אויך אוועק, ער רופט עם אן סתם גד אפילו נישט ר' גד.

**נז)** וואָס איז מיט המלבין פני חבירו ברבים אין לו חלק לעולם הבא??? האָט איר דאָס מברר געווען צו עס איז אמת??? אָדער איר האָט דאָס נאָר געהערט פון איינעם אַליין וואָס האָט געוואוינט אין בראָנקס. און אפילו לאָמיר זאָגען אַז עס איז יאָ אמת, נו וואָס איז? איז דאָ חֵלב אָדער נישט? אַז מלאכי'ס ווייב גייט מיט אייגענע האָר איז נישט דאָ קיין חֵלב???

**נח)** ער מיינט זיינע נוירסינג היומס, מ'גיט דאָרט חמץ בפסח.

**נט)** ביז יעצט האָט ער געזאָגט אַז דאָס איז רשעות, כולו כולו שקר, עס איז נישט דאָ קיין פּיצעל אמת, ער האָט זיך נעבעך נישט געקענט איינהאַלטען, אָבער יעצט איז ער שוין אָפּגעשטילט, און ער ווייסט אַז יעדער ווייסט אַז קאַשויער רב איז אַ ערליכער יוד און נישט אַ רשע, איז סיגעטער רב חוזר פון זיינע פריערדיגע דיבורים און ער זאָגט אַז קאַשויער רב איז אַ ערליכער יוד.

**ס)** קאשויער רב.

**סא)** די חֵלב.

**סב)** סיגעטער רב איז נאָך אַמאָל חוזר און ער רופט דעם קאשויער רב נאָך אַמאָל אַ שקרן!!! און די גאַנצע זאַך איז נישט אמת. ווער עס וויל קען פרעגען דעם קאַשויער רב, ער האָט דאָס אַליין געזען, סיגעטער רב מאַכט דעם קאַשויער רב פאַר אַ גאַנצען נער.

**סג)** דער שלו' יודא איז אַ סכנה פאַר סיגעטער רב'ס כבוד, זאָגט ער אויף עם ימש"ו, פאַרוואָס הערט מען נישט ימש"ו אויף די אמת'דיגע רשעים? סיגעטער רב האָט זיך שוין געטראָפען מיט אַסאַך פון די וואָס מ'דאַרף אויף זיי צו זאָגען ימש"ו, און מ'האָט דאָס נישט געהערט פון עם, און אין אַ דרשה פ' וישלח האָט דער סיגעטער רב גע'דרש'נט אַז שעלטען יענעם איז נישט געווען דער פעטער'ס דרך.

**סד)** סיגעטער רב זאָגט עס איז ברור - ער איז מקבל לשון הרע, שלו' יודא'ס ברודער דרייווט פאַר קאַשוי די קאַר, סיגעטער רב קען זאָגען פאַר יענעם אַז מ'טאָר נישט מקבל זיין לשון הרע, אָבער ער מעג, ער איז דאָך דער רשכבה"ג, אָך און וויי צו אונז אַז מיר האָבען דאָס דערלעבט.

**סה)** קודם גיסט ער פעך און שוועבעל אויף קאַשויער רב און נאָך דעם זאָגט ער אז נישט דאָס האָב איך געמיינט, און סיגיטער רב'ם חסידים פארשטייען דאָס.

**סו)** דאָך טאָר מען נישט עסען קיין חֵלב.

**סז)** דאָס זאָגען אַלע רבנים, יעדער פאַרלאָזט זיך אויף די צווייטער, דערפאר האָבען מיר אַזאַ פנים.



און עס איז א נייע דרך צו מאכען די אַלע פארשידענע חשבונות וואָס מ׳האָט געמאַכט. עס איז אמת אז כבוד הרבנים איז א גרויסער זאַך, און אז די רבנים זאלען נישט פארלירען דער צוטרוי׳ פין דעם עולם, אָבער שמירת התורה איז א גרעסערע זאַך. על כן בעטען מיר די אַלע רבנים אז מ׳זאל נישט זיצען שטיל ווען מ׳זאָגט אז די רבנים פון דער התאחדות הרבנים זאָגען אז עס איז נישט דאָ קיין חֵלב און ולא נתברר לנו שום יסוד לערעורים הללו. (די באמערקונגען אויף די רייד פון די רבנים, וועט קומען מיט אַנדערע אותיות פון אונטען).

◇◇◇




